# רצחת וגם ירשת!

ווי באקאנט האבן לעצטע וואך די בריונים ימ"ש וועד לשמירת שבת הני צדוקים שאינם מודים בעירוב צוריסן בעצם יום השב"ק די עירוב, וויסענדיג אז שבת זכור וועלן א גרויסן ציבור אנשים נשים וטף תושבי בארא פארק ארויס גיין הערן פרשת זכור, און דערנאך ווי זיי האבן שוין פראבירט אלע סארט טרור ארויף צווינגען זייער מיינונג אויפן חרדישן ציבור, אבער די ציבור פארשטייט גאנץ גוט אז עס האנדלט זיך בכלל נישט פון קיין שום חשש אדער אפילו ספק חשש חילול שבת, נאר בלויז נצחון רשעות און פאליטיק, זענען זיי אויפגעקומען מיט די עצת רשע צורייסן דעם עירוב, און דערנאך קענען שרייען אז די עירוב איז געווען צוריסן, **רצחת וגם ירשת...**

די אזוי גערופענע וועד לשמירת שבת (א שיינעם נאמן צו בארעקן אלע רשעות) האט פארשאפט א שיינעם בריוו פין אן עד ראיה פון איינעם י.ס. וואס האט אליין געזען מוצאי שבת וויד די עירוב איז צוריסן, אינטרעסאנט איז נאר, אויב די בריוו איז געשריבן געווארן צום וועד העירוב, ווי קימט דאס צום וועד חיזוק הדת, ווען י.ס. וועט ארויס קימען פין פאסט קעסטל וועלן מיר אים פרעגן, אויך וועלן מיר קענען פרעגן ווער זענען זייער רעבנים וואס האבן זיי נישט געהייסן רייסן דעם עירוב. אבער דערוויל האבן הונדערטער אידן געזען שבת קודש אז אלעס איז תיכף ומיד פאראכטען געווארן דארך די אנגעגרייטע ערלים. הזהרו מן הצבועין.

## די נער זאל ארויס גיין!

חידוש פלא, עס איז דא אין בארא פארק הונדרעטער מוסדות און ארגענעזאציעס, פארוואס האט קיינער נישט געפילט אז זיי דארפען שרייבן צעטלעך אז נישט זיי האבן געריסן דעם עירוב??? דער תירוץ איז פשוט, די נער זאל ארויס גיין פין מקוה.

עס וועט זיי גארנישט העלפן די עולם גלייבט בעסער גדולי הרבנים בעלי הוראה מובהקים, וואס שעמן זיך נישט מיט זייער נאמן, ווי איידער א "וועד" וואס איז ליידער א יתום, וכבעלים שאין להם תובעים, מיט א פאסט קעסטל, און א טעלעפן נומער מיט א ענסערינג סערוויס...